NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 15 גראשען

10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 200 | Łódź Czwartek, 27 Sierpnia 1936 | אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאדז, דאנערשטאג ב' תצא ט' אלול תרצ"ו | 14-טער יאהרגאנג

# היינט-פראטעסט=טאג

## פונ'ם פוילישען יודענטום

## געגען דעם אראבישען טעראר און דעם פרוב אפצושטעלען די יודישע עליה קיין ארץ-ישראל

# מיר פראטעסטירען:

געגען דעם טעראר און מארד=אקטען פון די אראבישע טערא=ריסטען אין ארץ=ישראל.

געגען דער ארץ=ישראל=אדמיניסטראציע, וואס האט נישט בעוויזען איז משך פון 4 חדשים א סוף צו מאכען צום טעראר און האב=פערניכטונג און פערגיסונג פון אומשולדיג בלוט.

געגען יעדען פרוב איבערצורייסען, אפילו צייטווייליג די עליה פון יודען קיין ארץ=ישראל.

געגען געבען א בעלוינונג פאר צושטערונג, מארד און גזלנות; ברור אויפ'ן חשבון פון די רעכט פון יודישען פאלק צו בויען זיין נאציאנאלע היים.

# מיר פאדערען:

צוריקצושטעלען די זיכערקייט פון לעבען, הערשאפט פון געזעץ און אבסאלוטע ארדנונג אין ארץ=ישראל.

פארטצוזעצען אומגעשטערט די יודישע עליה.

פולע ערפילונג פון ארץ=ישראל=מאנדאט, וואס זיכערט דעם אויפבוי פון דער יודישער נאציאנאלער היים.

## דאס פוילישע יודענטום האט איינינג בעשלאסען:

אונטער דער פיהרונג פון דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער אגענץ צו קעמפען צוזאמען מיט'ן גאנצען יודישען פאלק פאר אונזערע רעכט אויף ארץ=ישראל.

פעראייניגטער ציוניסטישער קאמיטעט לאדז. היינט, דאנערשטאג, ד. 27/8, 8.30 אוונט אין פילהארמאניע=זאל לאדז. נארוטאוויטשא 20.

## גרויסע פראטעסט=פערזאמלונג

געגען די לעצטע געשעהענישען אין ארץ=ישראל.

מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען די ה"ה:

משה לימאן, ל. לעוויז, ד"ר עלענבערג, מ. מארעק, מ. רעזניק, מאג. מ. גייזלער א. א.

יודען! דריקט אויס אייער שארפען פראטעסט געגען די לעצטע געשעהענישען און די סכנה אפצושטעלען די עליה קיין א"י, וואס בעדראהט די רעכט פון יודישען פאלק אויסצובויען א נאציאנאלע היים. קומט מאסענווייז אויף דער פראטעסט-פערזאמלונג.

בילעטען פון 20 גר. צו בעקומען אין ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, שרודמיעסקא 29, און פון 4 א זייגער נאכמיטאג ביי דער קאסע פון „פילהארמאניע".

